ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# מאירת חיים

## ציצית

אידיש

**588**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

ספר

# מאירת חיים

# שער הציורים

## המכיל

עשיית ציצית ועטיפת הטלית

# סדר
# עשיית הציצית בטלית
# ועטיפתו בשעת ברכה.

# וויא אזוי ציצית אנמאכען
# און לעגען דעם טלית ביי דער ברכה.

הנקב שמכניסין בו הציצה, לא יהא קרוב לשתי קצות שפת הטלית, פחות משתי אצבעות (4 צענטימעטער), ולא רחוק יותר משלש אצבעות (6 צענטימעטער).

דיא לעכילעך ווי מען ציהט אריין דיא ציצית זאלען זיין צווישען 2 ביז 3 פינגער וויט פון דיא עקען פון'ם טלית. ד. ה. ניט וועניגער פון 4 צענטימעטער און ניט מעהר פון 6 צענטימעטער.

בחבילה של ציצית תמצא שנים־עשר חוטין ועוד ארבעה חוטין ארוכים ביותר ונקראו „שמשים“. לכל ציצה ג׳ חוטין ושמש אחד.

יעדעס בינדעל ציצית האט 12 פאדעם, און 4 לאנגע פאדעם „שמשים“.
צו יעדער ציצה 3 פאדעם און 1 שמש.



ציור א

הכנס ארבעת החוטין בנקב הטלית וקשור בשני קשרים ארבעת החוטין התלוין בשוה מצד זה עם שלשת החוטין וחוט הארוך, התלוין מעבר מזה. וטוב לעשות עניבה בארבעת החוטין, כדי שישאר כל חוט חלוק — עד גמר עשיית הציצה — חציו לכאן וחציו לכאן כמו ציור א.

ציהע אריין דיא 4 פאדעם אין טלית און קניפ צוזאמען דיא 4 גלייכע פאדעם וואס הענגען פון איין זייט, מיט דיא 3 פאדעם מיט'ן שמש וואס הענגען פון צווייטער זייט. עס איז גוט צו מאכען א שלייף ביי דיא 4 גלייכע פאדעם כדי עס זאל בלייבען יעדער פאדעם געטיילט ביז דיא ציצה איז געמאכט, א האלבער פאדעם פון יעדער זייט, אזוי וויא בילד א.

## עשיית הציצית בטלית




ציור ב

קח את השמש וכרוך בו שבעת החוטין, באויר ראשון ז׳ כריכות ושני קשרים, באויר שני ח׳ כריכות ושני קשרים, בשלישי י״א ושני קשרים, ברביעי י״ג ושני קשרים כמו ציור ב.

נעהם דעם שמש און דרעה ארום דיא ציצה 7 מאל און מאך 2 קניפען, און ווידער 8 מאל און 2 קניפען, און 11 מאל און 2 קניפען, און 13 מאל און 2 קניפען, אזוי וויא בילד ב.

## עטיפת הטלית

קח את הטלית, בעודו כפול והארבע ציצית תלוין מצד אחד, והעלה אותו על כתיפך, בדוק את הציצית והפריד את החוטין זה מזה.

נעם דעם צוזאמענגעלעגטען טלית ווען דיא 4 ציצית הענגען נאך אין איין זייט, לעג איהם אויף דעם אקסעל, זיי בודק דיא ציצית און צונעהם דיא פאדעם.



1

פשוט את הטלית ואחוז אותו בשתי ידיך ממעל לראשך כמו ציור 1 וברך להתעטף בציצית.

צונעהם דעם טלית און האלט איהם מיטביידע הענד איבער דעם קאפ אזוי ווי בילד 1 און זאג דיא ברכה להתעטף בציצית.



2

אחר־כך הנח אותו על ראשך ומשוך אותו עד פיך כמו ציור 2.

לעג אויף דעם קאפ דעם טלית און ציה אים איבער דעם פנים אזוי ווי בילד 2.



3



4

הגבה את ארבע כנפות הטלית כמו ציור 3

נעהם צוזאמען די 4 עקען פון דעם טלית אזוי ווי בילד 3

והפשל אותם לאחורך מצד שמאל כמו ציור 4

ווארף אריבער דיא עקען פון דעם טלית אויף דעם לינקען אקסעל אזוי ווי בילד 4

בעזהי"ת

# הקדמה

**מצאנו לנכון להדפיס קונטרס הנוכחי לתועלת הרבים. תוכנו ומהותו. קריאות שונות שנכרזו בקרית חוצות בתוך אלפי ישראל. לעורר בעניני פרצות שונות מיסודי הדת העומדים על הדת בימינו אלה. כמעט בכל ענינים המתרחשים יום יומית.**

**תהלה לא־ל עליון שהדברים הנוכחים כבר פעלו גדולות ונצורות בכרם ישראל ורבים השיב מעון.**

**יהי רצון שיחזיק מעמדו ויתעוררו שאר צאן קדשים לשוב ולעבדו באמת ובתמים.**

יצא לאור ע"י חברה מזכי הרבים

# למען קדושת ישראל

## די אומווערדיגקייט פין טעלעוויזיע

עס איז קלאר באוויסט פאר יערן ערליכער איר די גרויס אומגליק פין דעם אומווירדיגע אויפרייס מאשין וואס ריפט זיך טעלעוויזיע, וואס האט געמאכט א גרויסען אומהיילבארען אויפרייס אין ווינקעל פון קרושה וטהרה, מיט וועלכען דאס אידיש פאלק איז באקרוינט.

זינט דאס פריצות האט אויסגעשפרייט אירע טונקעלע פליגעל איבערן אידישען האריזאנט איז נאך אזא כלי משחית ומחבל נישט געווען, עס רייסט און ווארצעלט אויס יערעס פינק פין צניעות, קרושה וטהרה, עס פארגיפטעט דעם מאראל גענצליך, עס נעמט אוועק דעם אמת׳דיגען ציהל פין לעבן, און פארוואנרעלט אלעם אין א וועלט פין תאות און פארשוועגרעניש ווי די בעלי חיים.

עס לאזט זיך גארנישט מיט א פען באשרייבען וויפיל הייזער עס האט חרוב געמאכט, וויפיל קינרער אראפגעפירט פין ריכטיגען וועג, וויפיל רוצחים, מיט אנרערע הולטייניקעס עס האט אויפגעשטעלט, עס איז איבריג צו זאגען אז אין אזא שטיב ווי אזא כלי עקזיסטירט טאר מען קיין איריש ווארט נישט זאגען (כמבואר ברפ"ק, להגה"ק מהרצ"ה מרינוב).

עס איז ערגער פין עבודה זרה, ווייל דער כלי ברענגט צו עבודה זרה, גל״ע, שפיכות דמים מיט רציחות, ווי די גדולי התורה פין חוץ לארץ און ארץ ישראל זאגען עדות (זעה ווייטער די קול קורא׳ס), דערפאר איז נישט קיין ווינדער פארוואס א איד וואס עס צאנקט נאך אין אים דאס אידיש פייער׳ל פין אמונה טהורה, האט נישט דעם מינדעסטן געדאנק אזא כלי אריינצולאזען ביי זיך אין שטיב, מדקדקים ויראי ד׳ גייען נאך א שטאפעל ווייטער און זענען גאר מקפיד נישט איבערצוטרעטן דעם שוועל פין א שטיב ווי אזא כלי געפינט זיך.

אבער צום גרויס צער און ווייטאג איז אין דעם געביט אויך ענשטאנען א פירצה, וואס קען ברענגען גרויסע שטרויכלונגען (ד׳ ירחם) פארהאנען שטיבער וואס זענען אין פרינציפ זייער שארף קעגן טעלעוויזיע, אבער ווען עס פאסירט עפעס אינטערעסאנט ערגעץ אין דער וועלט קומט דער בעל דבר און מאכט א בלבול וטמטום המוחות (פארמישט דעם שכל) און געט צו פארשטיין מיט זיסע הסברים אז אזא צייט טאר מען זיך נישט באגעניגען מיט בלויז הערן די נייעס, נאר מען מיז עס אליינס זעהן מיט די אייגענע אויגן (מכלומרשט) און דער עולם גייט ארום צוקאכט זיכענדיג א שכן, א קרוב, סתם א גוטער פריינט וואס האט דעם עגל הזהב כדי ח״ו נישט צו פארפאסען אזא גאלדענע געלעגענהייט צו קענען זעהן מיט די אייגענע אויגען ווי גויים און פושעים וואס השי״ת האט אונז אפגעטיילט פון זיי (ואבדיל אתכם מן העמים) קומען זיך צוזאמען און פארברענגען די צייט.

ווי אזוי קען דער זעלבער איד אויפשטיין דעם אנדערן צופרי און מאכען די ברכה (לבטלה) „שלא עשני גוי״ און די צייט וואס ער לעבצט און גייט אויס צו הערן און זעהן זייערע שיטות און מיינונגען ?

מיט וואס פארא מוט זאגט ער „ברוך הוא אלקינו כו׳, והבדילנו מן התועים ונתן לנו תורת אמת״ און דער צייט וואס די גאלדענע טייערע שעה׳ן וואס ער האט געקענט און זיי לערנען די תורה הק׳ האט ער אנגעברענגט מיט נארישקייטען ?

מיט וואס פארא פנים בעט מען **ואל תביאנו לידי נסיון** ווען מען ברענגט זיך אליין אריין אין א נסיון ? עס איז א פלא ווי אזוי (די ברכים שלא ברעו לבעל) די וואס האבען ב״ה בכח צו **דערוווייטערען דעם געטשיק** אגאנץ יאר קענען נישט און פאלען אדארך פון אזא קליינעם נסיון וואס איז בלי ספק מעשה בעל דבר פורץ צו זיין דעם צוים פון די אלע מדקדקים.

אויסער אלעם ווינדערט זיך זייער שטארק פין וואנען עס נעמט זיך דאס גרויס חשק פאר א איד וואס לערנט, דאווענט, און טיט נאך צענדליגע מצות ומעשים טובים טעגליך, צוליב וועלבען ער איז באשאפען געווארען, עטליכע מאל אין טאג שרייט ער אויפן קול שמע ישראל וגו׳ ד׳ אחד. דוקא פאר אים איז אזוי אינטערעסאנט צו זעהן און הערן און שלינגען מיט דורשט רייד וואס ווערדן געזאגט דורך געמיינזאמע ברואים, בעלי תאות עולם הזה׳ניקעס, וואס ווייסען

גארנישט א גאנצען טאג נאר עסען טרינקען הולטייען א. ד. ג. וואס פארא יר״ש קען דאס ברענגען, וואס פארא בטחון מיט אמונה ברענגט דאס, אדרבה, עס טריקענט אפ דאס לעצטע ביסעל ערליכקייט מיט תמימות פונם אידישען הארץ, כ״ק אדמו״ר מסאטמר שליט״א האט אמאל געזאגט (בזה״ל) ווי פאר די אויגען וואס זעהן די אויגען וואס האבען געזען טעלעוויזיע.

## וואס זענען די פרובטען פין אזא געפירעבץ?

א) מען ברענגט אריין אין זיך דעם יצה״ר בכלל פין קוקען – אדער קיקען א גאנץ יאר.

ב) **מען לייגט צוגרינד די קינדער** ווייל שוין אפגערעדט פין די קינדער וואס מען נעמט מיט צום קיקען, נאר אפילו די קינדער וואס בלייבען אינדערהיים וויסענדיג אבער וואס זייערע עלטערן טוען איז דאס שוין פאר זיי געניג באווייז אז עס איז נישט געפערליך דאס קיקען, און אפילו די עלטערן זאלען וועלן ערציעהן די קינדער מיט א אנדערע מיינונג, איז עס זעלבסטפארשטענדליך אומזיסט דורכדעם וואס זיי ווייסען אז די עלטערן האלטען נישט דערביי מיט זייער קעגענזייטיגע אויפפירונג, אויסערדעם וואס קיין סייעתא דשמיא האט מען נישט צו אזא סארט חינוך, (וואס דאס איז דאס וויכטיגסטע).

ג) **ביטול תודה**, אויב מען האט צייט, איז מען מחויב צו לערנען.

ד) און דער **חילול השם** וואס איז אומשאצבאר גרויס, ווייל דער מאדערנער (אדער פרייער) שכן וואס לאזט אריין צו זיך דעם ערליכען קיקען, הייבט אהן צו קיקען מיט אנדערע אויגען אויף די ערליכע, היתכן נעכטען שרייט מען! מען געוואלדעוועט, אז דאס איז טמא ומטמא, און היינט לויפט מען קיקען, טייל זאגען דאס ארויס עפענטליך, אנדערע טראכטען דאס ביי זיך, און ווי שעמט מען זיך טאקע נישט פאר זיך אליינס דאס צו טוען.

## וויכטיגע ווארענונגען

א) מען דארף געווארענט זיין אויב מען שיקט קינדער צו א חבר אדער א נאנטע משפחה, אז דארט זאל נישט זיין די כלי, כדי דאס קינד זאל ח״ו נישט זעהן וואס מען טאר נישט, און אפילו עס איז בלויז א ספק זאל מען מחמיר זיין ווייל דא האנדעלט זיך פין דיני נפשות.

ב) דאס זעלבע דארף מען אויך אכטונג געבן אז די קינדער זאלען זיך נישט אפשטעלן ביי די געשעפטן פין די מחטיאי הרבים (וואס מאכען זינדיגען אנדערע) וואס נישט נאר וואס זיי פארקויפען די זאכען נאר זיי עפענען די כלי כדי אלע דורכגייער זאלען קיקען, עס איז א מצוה גדולה וזכי׳ רבה ווער עס טוט דערצו אז די געשעפטן זאלען נישט אנשטעלען דעם טעלוויזיען (בדברים רכים וקשים).

ג) מען דארף אויך אבטונג געבן אויב מען מיז ל״ע אנקומען צו א שפיטאל, סיי אליינס סיי איינער פין הויזגעזונט זאל מען נישט גרינג האלטען דאס קיקען, ווייל דער פאקט האט געוויזען ביי פארשידענע פאלען אז פין דעם זענען שוין אסאך אוועק פין אידישען וועג ל״ע, (מען האט זיך פאר מיר אויך מודה ומתוודה געווען דערויף).

ד) און דאס זעלבע אויב מען פארט אין פליגער (עירפלעי״ן) טאר מען נישט ח״ו גרינג האלטען און קיקען באטש עס קימט נישט אהן גרינג דאס צו פארמיידען, און דער יצה״ר איז דארט שטארקער ווייל מען זעט נישט וואס ער טיט, אבער השי״ת זעהט איבעראל.

ה)אויב מען זיצט אין ווארט זאל פין א דאקטער, איז מען נישט בארעכטיגט צו זעהן טעלעוויזיע, און אפילו פין נעמען די ביבער וואס ליגען דארט אין די הענט זאל מען זיך היטען ווי פין פייער.

ו) די אלע וואס דריקען צייטונגען, ביבער, וואס טויגען נישט מאכען זינדיגען דעם רבים (שו״ע או״ח סי׳ ש״ו סעי׳ ט״ז), דאס זעלבע מיט די סוחרים וואס פארקויפען דאס (שו״ת מחנה חיים סי׳ א׳, מ״ב ש״ו ס״ק ס״א), זייער שטראף איז, זאגט די גמרא אז מען לאזט זיי פין הימעל נישט תשובה טוהן, זיי פארלירען די פרנסה, און יסורים קומען אויף זיי, און ער פאלט אריין אין גיהנם (מ״ב בבה״ל), ב״ש די אלע וואס פארקויפען טעלעוויזיעס און ראדיאס.

ז) [אינאיינוועגס ווילען מיר טאקע אויפמערקזאם מאבען קעגן די אלע וואס לייענען שבת צייטונגען אפילו בשר״ע, אדער אפילו סתם רעקלאמען (Advertizments) וואס זענען אנגעהאנגען איבעראל, אז לויט די פוסקים איז דאס א איסור גמור, צו לייגען שבת (שאילת יעב״ץ, שע״ת ש״ו, בלבלת שבת, יסוד יוסף, שלחן ע״ש, נרר ישראל, מ״ב סי׳ ש״ז, ס״ג). **ומצוה לפרסם ברבים.**

## נוסח קול קורא

### איבערזעצונג פון דעם הארבען חרם קעגן טעלעוויזיע וואס איז געווען געדריקט אויף לשון הקודש און צושפרייט „אייר תשכ״ח״ אין ירושלים עיה״ק

דער טמא׳נע כלי וואס איז פאראומווערדיגט פין השי״ת, דער פארמיאוס׳טע טעלעוויזיע וואס האט געמאבט גרויסע חורבנות (פין נשמות) אויף דער וועלט, וואס האט אין זיך די דריי ערגסטע עבירות [עבודה זרה, אפיקורסת, מינות – גילוי עריות, אלע געמיינסטע ערגסטע זאבען פין דער וועלט, – שפיכות דמים רורך די קיקערס וואס זענען פארדארבען געווארען קיקענדיג, און געווארען רוצחים], און האט שוין פארדארבען אידישע זיהן און טעבטער, צובראבען גאנצע שטיבער פין זייער קדושה און טהרה, בו׳, און דעריבער ריפען

מיר אויס לויטען דין פין די תורה

# א הארבען חרם אויף דער טעלעוויזיע

## און יעדע אידישע שטיב וואס וועט ארייננעמען דעם טמא'נע טעלעוויזיע אין זיך וועט דער סוף אירע זיין א חורבן, און פארוויסטעניש רח"ל מיט קללות, און חרמות.

מען טאר אויך נישט פארדינגען א דירה צום וואוינען אדער געוועלב פאר די וואס האבען דעם כלי.

מען טאר אויך נישט האנדלען מיט דעם, דעי וואס טוען אנדערש זענען מחטיאי רבים (מאכען זינדיגען מענטשן) און זייער זינד איז זייער גרויס.

אויף די עלטערן, מלמדים, און לערערינ'ס ליגט דער פליכט צו ווארענען מיט גאנצע שטרענגקייט און הארבקייט די אינגלעך און מיידלעך נישט צו קיקען טעלעוויזיע אין ערגעץ נישט ווייל דאס שעדיקט די נשמה ח"ו.

**נאום פנחס בהגר"י זצ"ל עפשטיין, ראב"ד**

**נאום ישראל יצחק הלוי רייזמאן** | **נאום דוד הלוי יונגרייז**

בס"ד

# להתודע ולהגלות

**חנוכה תשמ"ב**

"את חטאי אני מזכיר היום". והלואי שמכתב זה יעלה לי לכפרה. דרכי מעודי לשאול פי הרבנים שאלות המתרחשים יום יום, ובכללם בנידון כשרותם של מיני מצרכים שונים.

ואהה!!! בימים האלו נרתעתי לשמוע מפי אחד מידידי רב וגאון שליט"א (העומד על מחקר הכשרות בתמידיות) ובידו מכתב אישית מבית חרושת גדול ליצור חָלָב לקטנים (פָּארמוּלָא — Formula) ובו מפורש באר היטב שחָלָב הנקרא Nutramigen מכיל חלק חשוב בשר חזיר, שהוא דבר המעמיד וחלק חשוב מחלב עכו"ם.

אינו דומה ראיה לשמיעה ולא האמנתי לשמע אזני עד שידידי הרב הנ"ל הראה לי האגרת הזאת שבו מעיד בעל בית החרושת כי כן הוא.

השבץ אחזתנו וחיל ופלצות הקיפוני כי ידעתי בברור מהרבה מאוד בתי בני ישראל מהיותר חרדים שמשתמשים במשקה זו לילדיהם על סמך הוראת רב גדול אחד מפורסם פה בארא פארק המורה בקביעות לכל שואליו כי חָלָב זה מותר לשתותו בלי פקפוק — למהדרין מן המהדרין — וגם אני עד חי ששמעתי כן מפיו.

לא אחשוב מחשבת פיגול כי הרב הגאון כוון ח"ו להכשיל ילדי צאן קדשים שלא טעמו טעם חטא בפיטום חזיר וחלב עכו"ם, כי הוא רב גדול ומפורסם מאוד. אולם, לדאבון לב, יצאה מכשול זה מתחת ידו על שנבהל להורות בדבר התלוי במציאות ונצרך לה ידיעה ברורה כי אין דבר זה מבואר בדי חלקי שו"ע, והרב הנ"ל הורה מאומדן הלב, ועי"ז כל העם בשגגה.

**לתשומת לב!** הכלים שנשתמשו בו במזון הנ"ל צריכין הגעלה. כל אחד ייתיעץ עם מורה הוראה שלו האיך להגעיל. גם לי הי' הפסד מרובה מכל הכלים שא"א להגעילם, בנוסף טרחה גדולה בהגעלת כלים שונים ומשונים גדולים וקטנים.

**משה גרינבוים**

**נ.ב. ירא הקהל וישפטו וילמדו סתום מן המפורש לבלי לסמוך על הוראת רב. רק בדברים התלויים בידיעת המציאות ידרשו ויחקרו בשבע חקירות ועוד שבע, על כל מין מאכל מיוחד שאין עליהם השגחה מובהקת טרם יכניסו אותם לבתיהם. וכל שיש בידו למחות ואינו מוחה כל הדמים הנשפכים בישראל אינם אלא על ידו. (שבת נ"ד ע"ב ילקוט פרשת שפטים).**

נוסח כרוז שנתפרסם

צלום האגרת מבית חרושת

# מאמע?

Mead Johnson
NUTRITIONAL DIVISION
EVANSVILLE, INDIANA 4772

November 5, 1981

צו ווייל איך קען נישט שרייען און
אויסדרוקען מיינע געפילען אין
ווערטער, און איך בין הילפלאז, מעג
מען טוהן קעגען מיין געזונט? קעגען
מיין נשמה? מעג מען מיט מיר טוהן
וואס מען וויל?

Thank you for your telephone call requesting information about Nutramigen and possible animal by-products. The casein hydrolysate in Nutramigen is prepared by the hydrolysis of casein (derived from <u>milk</u>) by the enzymes in <u>pork</u> pancreas. A portion of the protein in Nutramigen is, therefore, originally from milk and a portion originally from <u>pork</u>. Due to the hydrolysis of the enzymes and the subsequent purification of the protein by filtration, etc., there is very little liklihood of any sensitivity to the protein. Indeed, Nutramigen is used when other formulas have failed; because in order for an allergy or sensitivity to exist, it usually requires intact protein.

Nutramigen is considered hypoallergenic and is usually well tolerated by the infant allergic to protein. One of the indications and frequent uses of Nutramigen is for the maintenance of nutrition during tests or elimination diets when food allergies are suspected. The protein nutrients of Nutramigen are specially processed to remove the allergic substances and the other ingredients are also selected for hypoallergenicity.

Thank you for your phone call. If we may be of additional assistance to you, please let me know.

Sincerely,

Roland J. Tuley
Supervisor, Medical Information

RJT/ajs/134

# הסרת מכשול מרבים

בס"ד

עס ריקען זיך שוין אן די טעג ווען דער חרידישער ציבור הייבט זיך אן אריבער צו שלייבען אין די קעצקעל'ס פארברענגען דעם זימער אין א ריינע אטמאספער פיזיש אין גייסטיש, דעריבער איז יעצט א דבר בעיתו אויפצוועקען דעם דעת הקהל איבער א מכשול נורא וואס האט זיך די לעצטע פאר יאר שטארק צושפרייט צווישען היימישען עולם ובפרט די ישיבות־קעמפס, און אנדערע מוסדות וועלבע גראבט אונטער עיקרוני ויסודי היהדות.

דא האנדעלט זיך נישט וועגען גאר מאדערנע קרייזען נאר טאקע משופרי דשופרי פון די גאר היימישע חרידישע שיכטען על פי רוב בני תורה ובני ישיבות.

די פריצה באשטייט וואס מען איז זיך מורה היתר צו קויפען מילך פון א גויאישען פארם אויף דעם סמך וואס א יוד שטייט ביי די מעלק.

די חששות זענען ווי פאלגענד:

א) לויט אלע גדולי הפוסקים אן אויסנאם אויב דער בעל הבית פון די ביזנעס איז נישט פארלעסליך בש"ב אויב ער איז א גוי טאר מען קיין השגחה נישט געבען, אין אויב מען געט איז די השגחה נישט ווערט, ווייל דער גוי קען נאך אלץ מכשיל זיין מיט פארשידענע אופנים. (ועיין בשו"ת דברי מלביאל ח"ג סי' כ"ב, שו"ת דברי חיים ח"ב השמטות סי' מ', שו"ת שערי צדק יו"ד סו"ס קנ"ו, פת"ז הל' פסח סי' י"א, הגה"ק בעל ערוגת הבושם זצ"ל בספרו הבנה דרכה אות כ"ב, ובשו"ת ערוגת הבושם סוף סי' שב"ה, שלח"ט דף קצ"ח ע"ב, מקרי דרדקי מה"ק ר"ה מקאלאמאייער זצ"ל, לבוש"מ מהדורא תניינא יו"ד סי' ז', שו"ח זכרון יהודה או"ח סי' קב"ג, ועוד.

70 יאר צוריק האבן 200 רבנים פאראדענט א שטרענגען איסור אז א רב זאל נישט מתיר זיין קיין שום זאך אפילו אויב ער שטעלט א משגיח נאר אויב דער בעה"ב איז 100 פראצענט פארלעסליך אין עניני כשרות פון אלע הינזיכטען (עיין שו"ת גנזי יוסף סי' י"ח אות ב').

ב) דער בעל הביח קען זייער לייבט באטלען אין די זעלבע סארט קאנטענערס אויך נישט כשר'ע מילך (חלב שחלבו עכו"ם ואין ישראל רואהו) אין דאס דעליווערען פאר בני ישיבות ובני תורה און אלע אנדערע אידישע קונים, אין קיינער וועט דאס קיינמאל נישט וויסען.

אין זכות פון אכטונג געבען קעגען מאכלות אסורות וועלען מיר אלע זוכה זיין צו א גיטען געזינטען זימער צוזאמען מיט די קינדער אין די גאנצע משפחה אזוי ווי עס שטייט אין זוה"ק אין די ספה"ק אז איינס איז געבינדען צום צווייטען, (זוה"ק ח"ג מ"ב ע"א, שבת ל"ג ע"א, אוחה"ק שמיני, חפץ חיים בספר דבר בעיתו שער התחזקות, יסוד ושורש העבודה שער הבכורות פ"ד, חת"ס שמיני, אמרי צדיקים דברי גאונים ע"ת, דרב"ת סי' ס' אות ה', אזהרת מהרצ"א,) ועוד.

בכבוד רב ה"ק

יעקב דוד פרידמאן

נוסח כרוז שנתפרסם